# ל״ג בעומר ה׳תשס״ה

ס׳אִיז דָא נָאךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע עִנְיָן אוּן לֶערְנוּנְג אוֹיף הַיְינְטִיקְן מַצָּב, וָואס אַיְיעֶרֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁטֵייעֶן אִיצְטֶער אִין אַזַא לַאגֶע, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשִׁיצְט זֵיי אוּן שִׁיקְט זֵיי זַיְינֶע בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה אוּן יְשׁוּעָה אִין אַ פַּארְגְרֶעסֶערְטֶער מָאס, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם אִיצְטִיקְן מַצָּב מִיט הַצְלָחָה, לִיגְט אוֹיף אַיְיךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכוּת אַרוֹיסְהֶעלְפְן זֵיי, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיר וֶועט לֶערְנֶען מִיט אַ פָּסוּק מֶערֶער תּוֹרָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיר וֶועט מְקַיֵּם זַיְין נָאךְ אַ מִצְוָה אוּן נָאךְ אַ מִצְוָה, אוּן וֶועט נִיט דוּרְכְלָאזְן קֵיין גֶעלֶעגְנְהַייט אִין דֶעם, אוּן וֶועט אוֹיךְ טָאן אִין ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״ אַיְינְוִוירְקְן אוֹיף אַיְיעֶרֶע קְרוֹבִים אוּן פְרַיְינְט אוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אוֹיסְנוּצְן יֶעדֶע מֶעגְלֶעכְקַייט אוֹיף פַארְשְׁפְּרֵייטְן תּוֹרָה אוּן אִירֶע מִצְווֹת אִיז וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט, אִיז דָאס מַצִיל יֶעדֶער אִידְן וואו עֶר זָאל זִיךְ נָאר נִיט גֶעפִינֶען פוּן דֶי שְׁוֶוערִיקַייטְן מִיט וֶועלְכֶע עֶר טְרֶעפְט זִיךְ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס בְּרָכָה אִין אַ פַּארְגְרֶעסֶערְטֶער מָאס, אִין אַ יְשׁוּעָה וְהַצְלָחָה.

(משיחת ל״ג בעומר ה׳תשכ״ז.)